ב"ה

# LIVING TORAH

# פרשת קדושים

## בס"ד. התוועדות יו"ד שבט ה'תשמ"ג

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

בשעת ס'דאַרף זיין "ואהבת לרעך כמוך", מאָנט מען דערביי אַ דבר והיפוכו. איז ווי אַזוי דאַרף זיך אויסדריקן די אהבה "לרעך" – דאַרף זיך אויסדריקן אין אַזאַ אופן וואָס "רעך" דאַרף דאָס האָבן: דאָס איז ניט צופיל פאַר אים, דאָס איז ניט אַ זאַך וואָס וועט אים מזיק זיין; אדרבא – דאָס איז אַ זאַך וואָס דאָס וועט אים אַרויסהעלפן.

און ס'קען זיין אַז אין דערויף איז ער פונקט אַ היפך פון "רעך": בשעת ער אַליין איז צמא למים, און רעך האָט ניט קיין צמאון למים; ער איז רעב ללחם, און ער וועט געבן מצד "ואהבת לרעך כמוך", איז וויבאַלד אַז ער איז צמא למים, וועט ער צונעמען דעם לחם וואָס געפינט זיך אַרום אים און וועט אים געבן (אַ גאַנצע גלאָז) אַ גאַנצע פאַס מיט וואַסער – איז דאָס פאַרקערט פון "ואהבת לרעך כמוך"!

"כמוך", לכאורה, איז דאָס: ער איז צמא למים, דאַרף ער האָבן וואַסער, אָבער "ואהבת לרעך כמוך" דאַרף ער נעמען אין באַטראַכט – און דאָס איז דער עיקר – וואָס "רעך" פעלט!

וואָס דאָס קען זיין פונקט דער היפך [פון] אָט דאָס וואָס ער דאַרף האָבן! ער דאַרף האָבן אין אַזאַ מעמד ומצב, אַז אים צו קאַלט – דאַרף ער ווערן וואַרעמער, דאַרף מען אים געבן אַ דבר המחמם; "רעך" איז צו וואַרעם – דאַרף מען אים געבן אַ דבר המקרר, און אין דערויף דריקט זיך אויס "ואהבת לרעך כמוך".

על דרך זה אויך, בשעת ס'טרעפן זיך "ראשיכם שבטיכם" מיט "חוטב עציך" ו"שואב מימיך", איז צום אַלעם ערשטן דאַרף ער געבן "חוטב עציך" ו"שואב מימיך", ער זאָל האָבן עצים אויף חוטב זיין און זאָל קענען דערנאָך מאַכן דערפון פרנסתו, ועל דרך זה אין "שואב מימיך".

בשעת ער וועט קומען צו אים צוגיין, און יענער בעט ביי אים לחם צר ומים לחץ, און ער וועט זאָגן ער וויל זיך מיט אים זעצן און לערנען תורה, וואָרום ער איז "ראשיכם שבטיכם", ו"תלמוד תורה כנגד כולם" – איז דאָס היפך פון מצות הצדקה; דאָס איז היפך פון די מצוה וועגן וועלכע ער לערנט אין דער תורה וואָס ער וויל מיט אים לערנען!

וואָס איז דער ענין וואָס שטעלט אים אַוועק על האמת?

אַז בשעת ער ווייסט אַז די נקודה עיקרית אין דערויף איז, אַז ס'זאָל זיין אַן אהבה וואָס זי איז מאחד איין אידן מיט אַ צווייטן, וואָס דורך דערויף ווערן זיי איין זאַך, וואָס דורך דערויף ווערן זיי איין זאַך מיטן אויבערשטן, וואָס ער איז תכלית הפשיטות און ער האָט באַשאַפן דוקא אַ ריבוי עולמות, ["ועלמות אין מספר", "אל תקרי עלמות אלא עולמות אין מספר"], אָבער אָט די אַלע עולמות אין מספר זיינען דורכגענומען מיט דעם עיקר, וואָס דאָס מאַכט זיי אַלעמען אַז ס'איז ניט אַנדערש,

און אָט דעמאָלט פועל'ט דאָס אויך בחיי היחיד, אין זיין פערזענליכן יחידות'דיקן לעבן,



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת קדושים

וואָס אַזוי איז אויך די שליחות מיוחדה פון אַ אידן, אַז בשעת ער טרעפט זיך מיט נאָך אידן, און ער זעט אַז "אין פרצופיהן שוות" און "אין דיעותיהן שוות", זאָל דאָס אים ניט ברענגען ח"ו צו פירוד, נאָר ער זאָל זען דאָס זאָל זיין אין אַזאַ אופן אַז איינער איז משלים דעם צווייטן.

וואָס אָט דעמאָלט ווערט דאָס ניט נאָר קירוב הלבבות, און ניט נאָר אהבת ישראל – נאָר ס'ווערט אחדות ישראל, וואָרום ער ווייס אַז ער איז אַ חצי שקל, און כדי ס'זאָל זיין אַ דבר שלם דאַרף ער אָנקומען צו אַ צווייטן אידן, וואָס דעמאָלט ווערט דאָס אַ שקל שלם, ווי ערקלערט בארוכה...

וואָס דאָס איז אויך, כאמור לעיל, דער צוקוקן זיך און אַריינטראַכטן זיך אין דער עיקר ענין, וואָס דער עיקר ענין איז דאָס וואָס פאַראייניציקט כל מין האנושי און די גאַנצע בריאה, אעפ"י וואָס ווי דערמאָנט פריער "אין דיעותיהן שוות" – האָבן זיי אָבער אַלע איין נקודה השוה, וואָס זיי אַלע זיינען באַשאַפן געוואָרן דורך דעם אויבערשטן, במילא האָבן זיי אויך אַ נקודה שווה: "אני נבראתי לשמש את קוני", אַז זיי דאַרפן אויסנוצן אַלע זייערע מעגלעכקייטן – יעדערער טאַקע זיינע מעגלעכקייטן און זיינע כשרונות און זיינע יכולת – אויף מאַכן "לו ית' דירה" – אָדער דורך שבע מצוות בני נח מיט אַלע זייערע תוצאות ופירות ופירי-פירות בנוגע (לכל העול) לכל בני אדם, ובנוגע צו אידן – צו תרי"ג מצוות מיט אַלע זייערע סניפים, מיט שבע מצוות דרבנן וכו'.

און אָט דעמאָלט ווערט פאַרקערט, ביז ווי מ'האָט דאָס דאָ אויסגעשריבן און אויסגעקריצט אויף די מטבעות פון געלט, אַז מ'זאָל וויסן זיין, אַז דער תכלית איז, אַז פון אַ ריבוי זאָל מען מאַכן אחדות און אַן אחד.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.